בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
צ"ו

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

דאווענען אפילו אויף וואס מען האט שוין!
האסטו התבודדות - בין איך דיר מקנא!
"הוא יקראני אבי אתה"
רבוש"ע, באשער מיר א וואגן מיט פיר פערד
פארוואס האסטו נישט געבעטן?
געטראפן דעם שפאלט פון דער שיף
פארוואס פיל איך נישט קיין טעם?
תפילתי שתהא סמוכה למיטתי
אז אן אמורא זאגט א ווארט - זאגט גאט אזוי!
"רבונו של עולם, תן לי אמונה!"
'מזונותיו' 'זיווגו'
ווי קען איך אפלאזן דעם אויבערשטן?
"כל ימי הייתי מצטער"...
כוחה של נשמה מישראל
זיך ארייגעווארפן אין ים אריין...

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#96 ואח"כ #2.1.2.1.1

מכון טעם זקנים
שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זי"ע

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים
דרך הדואר (בכל שבועיים)
במחיר חודשי של $15 עבור
הוצאות עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# שיעור פרשת ויחי
## שנת תשל"ה

(טייפ מס' 67#)

## דאווענען אפילו אויף וואס מען האט שוין!

(ההתחלה חסרה, לומד בליקוטי מוהר"ן מאמר "תהומות יכסיומו" - סי' ט') **הכלל, מען דארף זיך זייער אסאך איינ'חזר'ן אז דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה!**[א]. דער רבי זאגט דארט ווייטער, אז 'מזונו' נעמט זיך פון תפילה; און דער רבי זאגט ווייטער, אז זיווגו נעמט זיך פון תפילה (עיי"ש בפנים); דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה!

עס שטייט אין זוהר הקדוש[ב], אז ר' ייסא סבא, דער סבא פון זוהר, אז ער האט געוואלט עסן, (אפילו) עס איז שוין געווען אנגעגרייט דעם טיש, האט ער קודם געבעטן דעם אויבערשטן - און ער האט אביסעלע צוגעווארט - 'נו, איצטער האט מען מיר שוין געגעבן!'. עס איז שוין געווען גרייט צום טיש, האט ער געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל אים געבן עסן - און האט אביסלע צוגעווארט - 'אט האט מען מיר געגעבן!'. עס קען זיין אפילו זאכן וואס מיר דאכט זיך אז איך האב עס (- דארף מען אויך מתפלל זיין!)

---

[א] וזל"ש בהתורה בתחילתו: **"כי עיקר החיות מקבלין מהתפילה**, כמו שכתוב (תהלים מ"ב): "תפילה לאל חיי". **ובשביל זה צריך להתפלל בכל כוחו, כי כשמתפלל בכל כוחו ומכניס כוחו באותיות התפילה, אזי נתחדש כוחו שם**, בבחינת (איכה ג): "חדשים לבקרים (רבה אמונתך") וכו'. כי אמונה היא תפילה, כמו שכתוב (שמות י"ז): "ויהי ידיו אמונה", תרגומו: 'פרישן בצלו'".

[ב] מקץ קצ"ט ע"ב, וזל"ש: "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת, דָּא הוּא בַּר נָשׁ דִּמְהֵימְנוּתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בֵּיהּ, כְּגוֹן רִבִּי יֵיסָא סָבָא. **דְּאַף עַל גַּב דַּהֲוָה לֵיהּ מֵיכְלָא דְהַהוּא יוֹמָא לְמֵיכַל, לָא הֲוָה מַתְקִין לֵיהּ עַד דְּשָׁאִיל מְזוֹנֵיהּ קַמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא. לְבָתַר דְּצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ וְשָׁאִיל מְזוֹנֵיהּ קַמֵּי מַלְכָּא, כְּדֵין הֲוָה מְתַקִּין**. וַהֲוָה אָמַר תָּדִיר, לָא נְתַקִּין, עַד דְּיִתְיְהַבוּן מִבֵּי מַלְכָּא".

# האסטו התבודדות - בין איך דיר מקנא!

רבי נתן (דיבר פעם אחת) אז אויף יעדן זאך זאל מען בעטן דעם אויבערשטן, אפילו אויף צדקה זאל מען בעטן דעם אויבערשטן מען זאל מכוון זיין אל האמת - און אז מען וועט בעטן דעם אויבערשטן וועט מען מכוון זיין אל האמת. האט זיך אנגערופן ר' יצחק דער זוהן - צו ר' נתן'ען: **'טאטע, אז איך גיב צדקה מרדכי'לען[ג], דארף איך אויך האבן התבודדות פריער?'**. האט זיך אנגערופן ר' נתן'ען: **"זאג איך דיר, האסטו התבודדות - בין איך דיר מקנא, אז נישט בין איך דיר נישט מקנא!"**

א שטיקל צייט דערנאך האט זיך עפעס ר' יצחק צעקריגט מיט ר' מרדכי'לען. האט זיך אנגערופן ר' יצחק'ן: 'איך וואלט זיך מיט מרדכי'לען קיינמאל נישט צעקריגט - **נאר איך זאל זעהן אז וואס דער טאטע זאגט איז אמת!'**

**אפילו אויף צדקה דארף מען אויך האבן התבודדות!**[ד] דעם רבי'נס זאך איז אזוי געווען, אז דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה!

אין יעדער זאך זאל ער זעהן צו לעבן מיט תפילה, יעדער זאך דארף זיין מיט תפילה. אז איך גיי עסן, דארף איך בעטן דעם אויבערשטן. אז איך גיי ארוים פון שטוב (יבקש:) 'רבונו-של-עולם, העלף איך זאל נישט פאלן' - און אזוי ביי יעדן זאך וואס דער מענטש וויל טאן. דאס איז א געוואלדיגער נחת רוח פאר דעם אויבערשטן אז דער מענטש וואס ער דארף בעט ער דעם אויבערשטן!

---

[ג] הוא רבי מרדכי בן רבי יעקב מטולטשין, המכונה 'רבי מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה' (עי' שיש"ק ח"ב שנ"ט), שהיו הוא ור' מרדכי אוהבים זה את זה כל כך בלב ונפש, עד כדי כך שלא היה ר' יצחק קונה לעצמו שום דבר אם לא קנה כמו כן לר' מרדכי. (שיש"ק ח"ב תרס"ג)

[ד] עי' בליקוטי הלכות שבועות ה"ב, אות ל"ד: "ועל כן מצויים הרבה טעותים מאד בנותני הצדקה, כמו שאמרו רז"ל שאין זוכין בניקל ליתן צדקה להגון. כמו שאמרו רז"ל: שמא תאמר, כל הבא לקפוץ קופץ? תלמוד לומר, מה יקר חסדך אלקים וכו', כי אינם מצויים לזכות עם מהוגנים, עיי"ש בפירוש רש"י. **על כן צריכין להתפלל הרבה לפני ה' יתברך לזכות לקיים מצות צדקה כראוי שיזכה לתן להגון באמת.** והכל תלוי בהאמת שבלבו שמי שכונתו רצויה לשמים באמת יזכהו ה' יתברך שיתן לעניים הגונים ויתקן על ידי הצדקה הרבה שיכניע השקר לגבי האמת שזה התיקון נעשה ביותר על ידי צדקה כראוי וכנ"ל. אבל מי שאין כוונתו ליתן כי אם בשביל עצמו וכבודו, ובפרט כשהוא בעל מחלוקת וחולק על הכשרים האמיתיים אזי מכשילו ה' יתברך בעניים שאינם מהוגנים כדי שיאבד עולמו על ידם".

# "הוא יקראני אבי אתה"

א פסוק איז דא אויף דוד המלך: **"הוא יקראני אבי אתה"**[ה] - ער האט מיר גערופן "אבי". דער אויבערשטער לויבט אוים דוד המלך'ן: 'ער האט מיר גערופן "אבי אתה"'. דוד המלך - אויף יעדן זאך האט ער געבעטן דעם אויבערשטן!

דער רבי רעדט אין תורה י', פון 'הר' 'שדה' 'בית', אז "תפילה איז בבחינת בית"[ו]. וואס הייסט אז תפילה איז בבחינת בית? אזוי ווי א שטוב, אלע צרכי הבית. מען קען דען זיין אן א שטוב? (- אזוי קען מען נישט זיין אן תפילה!). 'הר' 'שדה' איז דער טייטש השגות. אבער אז די תפילה איז בבחינת 'בית', זאגט דער רבי, "יש גם לעכו"ם השגה". אז "כי ביתי בית תפילה" - איז "יקרא לכל העמים", אט דאס הייסט תפילה!

# רבוש"ע, באשער מיר א וואגן מיט פיר פערד

רבי נתן איז אמאל געפארן צום רבי'ן אויף שבועות פון מאהלוב. דער רבי איז געווען דעמאלט שבועות אין זאסלאב. רבי נתן האט געדארפט קומען קיין ברסלב אויף שבת און ארויספארן קיין זאסלאב באלד מוצאי שבת (יחד עם חבריו), ער זאל קענען קומען צום רבי'ן אויף שבועות. און ר' נתן איז געווען אין מאהלוב ביי זיין שווער, און עס איז שוין געווען שפעט. [יענעם ערב שבועות איז געווען די הסתלקות פון דעם רבי'נס ערשטע רעביצין]. ר' נתן איז געווען אין עפעס א קרעטשמע, האט רבי נתן געבעטן: "רבונו-של-עולם, באשער מיר א וואגן מיט פיר פערד!". מיט א וואגן מיט צוויי פערד וועט ער איצטער נישט קענען אנקומען, האט ער געבעטן דעם אויבערשטן: 'באשער מיר א וואגן מיט פיר פערד'. און דער בעל עגלה האט דאס געזעהן (שמע בקשתו).

---

[ה] תהלים פט, כז.

[ו] שם באות ג', וזל"ש: "ולעכו"ם אי אפשר להם לידע גדולתו של הקדוש ברוך הוא, כי אם על ידי בחינת יעקב, כמו שכתוב (ישעיהו ב): "בית יעקב לכו ונלכה באור ה'", כי הוא גילה אלקותו של הקדוש ברוך הוא יותר משאר האבות. כי אברהם קראו הר, ויצחק קראו שדה (פסחים פח.). ושדה הוא יותר מושג ונצרך להעולם מהר; ויעקב קראו בית, שהוא מקום ישוב לבני אדם יותר משדה, **היינו שיעקב קרא את מקום הבית המקדש, שהוא מקום התפילה בית, שהוא מקום ישוב לבני אדם, כי העלה את התפילה מהר ושדה לבחינת בית, שיש בו תפיסה לבני אדם יותר מהר ושדה; כי בבחינת בית יש גם לעכו"ם השגה**, כמו שכתוב (ישעיהו נ"ו): **"כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים"**; וכשהוא בבחינת בית, כדין אתייקר שמא עילאה כנ"ל".

(אחר כך נכנס לעיר ובא לאכסניה. והבעל עגלה עצר שם כדי לתת מספוא לסוסים, ור' נתן נטל ידיו לאכול, ובין הנטילה לברכת המוציא אמר לו הבעל עגלה: 'ר' נתן תפילתכם נתקבלה') "עס איז אנגעקומען א וואגן מיט פיר פערד!". דער אויבערשטער האט צוגעפירט א מענטש - א בעל בתיש'ער, ער האט אים געגעבן אומזיסט, און ר' נתן איז אנגעקומען פרייטאג קיין ברסלב און ער איז געפארן מיט אלע (חברים)[ז].

ער האט געוואוסט אז מיט צוויי פערד וועט ער (נישט קענען אנקומען), האט ער געבעטן דעם אויבערשטן: 'באשער מיר א וואגן מיט פיר פערד!'. דאס איז אויך א מין ביטול פארן אויבערשטן, אז א למדן אזא גאון בעט אזעלכע (בקשות. כי היה יכול לבקש:) 'איך וויל קומען צום רבי'ן' - איז געבעט. ארויסרעדן בפרטיות - 'באשער מיר א וואגן מיט פיר פערד'.

דער מענטש איז אזוי מורגל אין תפילה, אז דאס איז אינגאנצן זיין חיות. פאר א טאטע וועל איך זיך שעמען צו זאגן 'גיב מיר א וואגן מיט פיר פערד'? אבי אתה! אבי אתה! דאס איז דער שבח פון דוד המלך: "אבי אתה" - אזוי ווי א קינד צו א טאטן![ח].

נו, דאס איז א געוואלדיגע התקרבות, א געוואלדיגע רחמנות פון דעם אויבערשטן, אז יעדער זאך זאל ער בעטן דעם אויבערשטן!

## פארוואס האסטו נישט געבעטן?

ר' נחמן טולטשינער האט אמאל ארייגעקלאפט א טשוואק און ער האט זיך צעקלאפט די פינגער. האט זיך אנגערופן צו אים ר' נתן: 'פארוואס האסטו נישט געבעטן דעם אויבערשטן פריער אז דו זאלסט זיך נישט צוקלאפן די פינגער?!'. עס איז עפעס אזוי געווען מורגל די זאך פון תפילה, אז אויב עס איז געווען עפעס א פגם, איז דער פגם געווען נאר תפילה[ט].

---

[ז] אורך הסיפור עי' בימי מוהרנ"ת ח"א ס' כ'.

[ח] עי' שיחות הר"ן ז': "טוב מאד מי שיכול לשפוך שיחו לפני השם יתברך ברחמים ותחנונים כבן המתחטא לפני אביו. כי הלא השם יתברך כבר קראנו בנים כמו שכתוב: "בנים אתם לה' אלקיכם" (דברים י"ד א). **על כן טוב מאד לפרש שיחתו וצערו לפניו יתברך כבן שקובל לפני אביו בתנועות של חן ורחמים שקורין** (פיעשטשין). **ואף אם נדמה להאדם שלפי מעשיו אינו כבן לפניו יתברך עם כל זה הלא השם יתברך קראנו בנים כנ"ל** (כי בין כך ובין כך קרויים לך בנים) ואם עתה הוא מגרש אותי חס ושלום מבחינת בן, הטוב בעיניו יעשה. עלי לעשות את שלי לעשות עצמי כבן כנ"ל. ומה טוב כשיכול לעורר לבו בתחנונים עד שיבכה ויוריד דמעות כבן לפני אביו".

[ט] עי' שיש"ק ח"ג, אות ק"כ: מוהרנ"ת אמר בזה הלשון: **"וואו איך זעה ערגעץ א קלקול, אדער ער האט גארנישט געהאט קיין התבודדות, טאמער האט ער געהאט - האט ער געהאט ווינציג".**

דער רבי איז געווען ביי די טאכטער שרה'קע, זי איז געווען א גביר'טע, זי האט געהאט א דינסט, האט זי עפעס א געשריי געגעבן אויף דער דינסט. האט איר דער רבי געזאגט: "פארוואס האסטו נישט געבעטן דעם אויבערשטן אין טאג פון דער חופה, אז דער אויבערשטער וועט העלפן אז דו וועסט האבן א דינסט, זאלסטו זיך נישט דארפן מיט איר קריגן?!".

דער רבי האט איר נישט געזאגט: 'פארוואס קריגסטו זיך מיט דער דינסט?', דער רבי האט געזאגט: 'פארוואס האסטו נישט געבעטן דעם אויבערשטן'! - דאס איז דאך דער עיקר חסרון. דער רבי האט  אנגעהאנגען 'פארוואס קריגסטו זיך' (- בחסרון בתפילה!).

מען דארף נישט זאגן יענעם - 'פארוואס קריגסטו זיך', נאר 'ווי קומט דאס דערצו דו זאלסט זיך קריגן'. ווען דו זאלסט אזוי בעטן דעם אויבערשטן אז ווען דו וועסט האבן א דינסט זאלסטו זיך נישט דארפן קריגן, וואלסטו דאך נישט געקומען דערצו. אין יעדער זאך וואס איך זעה עפעס א חסרון, דארף איך וויסן, פון וואנעט נעמט זיך דער חסרון? פון וואנעט נעמט זיך דער חסרון?!

# געטראפן דעם שפאלט פון דער שיף

ווען דער רבי איז געפארן אויף ארץ ישראל, (אזי בדרך חזרה כשהיה שבוי בספינת ישמעאלים, והיתה רוח סערה עד שנסדקה הספינה -) די שיף איז געווען פול מיט וואסער און מען האט געשעפט און געשעפט, ביז זיי האבן (געטראפן דעם לאך. האבן זיי) גע'שחט'ן דארטן א תַּיִש און גענומען דארטן פון דעם פעל און פאַרשטאָפּט דעם לאך[1].

- אז איך ווער נישט געוואויר פון וואנעט עס גייט די וואסער אין שיף - שעפט מען און מען שעפט און מען שעפט, די שיף איז דאך פול מיט וואסער. ביז מען האט אפגעזוכט דעם לאך [דאס איז אויך געווען בכח דעם רבי'ן], (ומכאן ואילך) איז געווען א קלייניקייט.

קומט אוים, אז מען האט אין זיך א חסרון, (דארף מען וויסן:) 'פון וואנעט נעמט זיך דאס? פארוואס האב איך אין זיך דעם חסרון? פארוואס גלוסט זיך מיר נישט צו קוקן וואו מען דארף און צו טראכטן וואס מען דארף און צו רעדן וואס מען דארף - פארוואס? פון וואנעט נעמט זיך דאס? איך בין דאך א חלק אלוקַ ממעל! מסתם האב

[1] עי' תוכן הסיפור באריכות בספר שבחי הר"ן ח"ב, אות כ"א.

איך עפעס א זאך, עפעס א פגם וואס פון דעם נעמט זיך עס'. און אז מען בעט דעם אויבערשטן, העלפט דער אויבערשטער אז ער ווערט געוואויר.

## פארוואס פיל איך נישט קיין טעם?

אין דער מעשה פון דעם 'רב ובן יחיד'[יא], (מובא שם), ער פלעגט זיצן אין אן אויבער-שטיבל און תמיד געלערנט און געדאווענט. נאר ער האט געפילט עפעס א חסרון, ער האט נישט געפילט קיין טעם אין דעם לערנען און אין דעם דאווענען - און ער האט נישט געוואוסט 'וואס פעלט אים'.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: דער בן יחיד איז געווען א געוואלדיגער הויכער סארט מענטש, ער האט געוואוסט אז ער איז אין אלעם גאנץ, (ועו"כ היה תמוה לו:) 'פארוואס פיל איך נישט קיין טעם אין דאווענען?!' ער האט געוואוסט אז עפעס פעלט, אבער ער האט נישט געוואוסט 'וואס'.

'איך' אז איך פיל נישט קיין טעם - ווייס איך 'פארוואס'; אז מען האט אינזין די נארישקייטן, גייט אריבער דער טעם דארטן - פילט מען נישט קיין טעם אין לערנען. אבער ער איז געווען א גאנצער מענטש, א צדיק, א קדוש, ער האט נישט געהאט קיין שום זאך אין וואס ער זאל אנהענגען פארוואס דערפאר פילט ער נישט קיין טעם אין לערנען, ער האט נישט געוואוסט 'פארוואס'. האבן די צוויי אינגעלייט אים גע'עצה'ט אז ער זאל פארן צו דעם-און-דעם צדיק און ער וועט דיר זאגן 'פארוואס'.

דער רבי זאגט דארטן: "תפילה איז דביקות, תפילה איז התחברות"[יב]. אז דער מענטש איז דבוק אין אנדערע תאוות, אין אנדערע זאכענישן, קען ער נישט זיין דבוק אין דעם אויבערשטן. דאס דביקות פון אנדערע זאכן האקט איבער אז ער קען נישט האבן די דביקות אין אויבערשטן. אבער דער מענטש וואס איז ריין פון אנדערע דביקות, ער האט נישט קיין שום דביקות אין קיין אנדערע זאכן, איז ער טאקע דבוק. אז עס קומט צום דאווענען און עס דאווענט זיך נישט, דארף ער וויסן: 'פארוואס דאווענט זיך נישט?!' - דארף ער טאקע בעטן דעם אויבערשטן.

---

[יא] מעשה ח' מספה"ק 'סיפורי מעשיות', עיי"ש.

[יב] בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ד: **"דע, שעקר התחברות ודביקות להשם יתברך הוא על ידי התפילה"**.

# תפילתי שתהא סמוכה למיטתי

זאגט דער רבי: "ודע, עס איז דא י"ב שבטים קעגן די י"ב מזלות, און יעדער שבט האט זיך א נוסחא מיוחדת". דער רבי מיינט נישט קיין נוסחאות דארט - "אשכנז" "ספרד"; נאר אין דעם שורש איז דארטן דא י"ב שבטים און י"ב נוסחאות. "ויש לו שער מיוחד ליכנס דרך שם תפילתו" - א באזונדערער טויער וואס דורך דעם טויער דארף ארויפגיין זיין תפילה.

דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה ווייטער: אז אבא בנימין האט זיך מצטער געווען כל ימיו "על תפילתי שתהא סמוכה למטתי" - מיין תפילה זאל זיין דורך דעם שער פון מיין שבט, ער האט תמיד געבעטן דערויף[ג]. (ולכאורה קשה:) ער איז דאך געווען פון א שבט? נאר וואס דען, מיין תפילה זאל מען דורכפירן דורך מיין שבט - 'סמוכה למטתי'. מטה איז שבט.

לפי דעם פראסטן פשט, ("תפילתי שתהא סמוכה למיטתי" -) אז ער שטייט אויף - זאל ער באלד דאווענען, דארף ער בעטן אלע טאג דעם אויבערשטן דערויף? (- כל ימי הייתי מצטער!) - גיי דאוון און שוין. ניין, ער האט געבעטן דעם אויבערשטן "מיין תפילה זאל זיין נאנט צו מיין שבט" - אט דאס האט ער געבעטן דעם אויבערשטן, ווייל יעדער שבט האט זיך א באזונדערן נוסח, האט זיך א באזונדערן טויער; און דארטן דארף דורכגיין מיין תפילה.

און טאקע דאס איז (דער ענין פון) התקשרות צו דעם צדיק. ווייטער זאגט דער רבי[ד]; יעקב אבינו איז דאך געווען דער טאטע פון אלע י"ב שבטים, ער איז דער שורש פון אלע י"ב שבטים. דער רבי ברענגט: "ויאסף יעקב רגליו אל המטה", טייטש דער רבי, צום 'שבט'. און רגליו מיינט מען תפילה. יעקב איז דאך דער שורש, ער האט מאַסף

---

[ג] וזל"ש, אות ב': **"וצריך לזה זכות גדול, שיזכה אדם להעלות תפלתו דרך שער השייך לשבטו. וזה שאמר אבא בנימין** (ברכות ה:)**: 'כל ימי הייתי מצטער על שני דברים: על תפילתי שתהא סמוך למטתי' היינו כנ"ל, שיתפלל דרך שער המטה שלו, כי יש שנים עשר מטות, וכל אחד יש לו שער מיוחד, והתפלל על שלא תתרחק תפילתו ממטה שלו"**.

[ד] שם: "ויעקב, שהוא כלול כל השנים עשר שבטים, והיה יודע כל מטה ומטה בשרשו, בשביל זה כתיב בה (בראשית מ"ט): "ויאסף יעקב רגליו אל המטה". 'רגליו' זה בחינת תפלה, כמו שכתוב (תהלים פ"ה): "צדק לפניו יהלך", היינו, שהיה מאסף כל התפילות, כל אחת לשרשה".

געווען די אלע תפילות צום שורש. דערפאר טאקע איז מען זיך מקשר צום צדיק פארן דאווענען, ווייל דער צדיק וואס ער איז דאך דער שורש פון אלעמען, ער ווייסט דאך יעדן איינעם, ממילא פירט ער אזוי צו אז יעדע תפילה קומט אן צו דעם שער וואס איז שייך צו אים[טו].

"וכל שבט מעורר בתפילתו כח מזלו שבשנים עשר מזלות; והמזל מאיר למטה, ומגדל הצמח ושאר דבריו הצריכים אליו". דער רבי האט דאך געזאגט אויבן אז 'דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה'. בפשיטות קומט דאך אויס אזוי: יעדעס גרעזעלע וואס וואקסט, יעדער פרי, די תבואה - האט זי איבער זיך א מזל, א מלאך, און די תפילה דערוועקט דעם מלאך אז דער מלאך זאל זאגן צום גרעזעלע - 'וואקס'. ער גיט א קלאפ אין דעם גרעזעלע און זאגט צו איר - 'וואקס'.

- און ווער איז מעורר דעם מלאך אז ער זאל געבן א קלאפ און זאגן - 'וואקס'? דער מענטש. מיט זיין תפילה דערוועקט ער דעם כוכב מיט דעם מזל, און ער זאגט צו דעם גרעזעלע (גדל). נו, ממילא איז שוין פראסט פשט אז 'דער עיקר חיות איז מען מקבל פון תפילה'; ווייל די אלע צמחים, די אלע עשבים וואקסן אלץ פון תפילה. מיט תפילה איז ער מעורר די אלע עשבים, די אלע אילנות, די אלע פירות, אלע צמחים.

דארף מען האבן אמונה פשוטה אז א יעדעס גרעזעלע האט אויף זיך א מלאך פון אויבן וואס זאגט אים - 'וואקס', "איך לך עשב מלמטה שאין לו כוכב ומלאך מלמעלה שמכה אותו ואומר לו - גדל". דארף מען האבן אמונה פשוטה אָן קיין שום חכמות - גלויבן אין דער זאך! דאס איז א מאמר חז"ל, אזוי שטייט: 'אז יעדעס גרעזעלע האט אויף זיך א מלאך פון אויבן - א כוכב גיט אים א קלאפ און זאגט אים - וואקס'. און ווער איז מעורר דעם מלאך מיט דעם כוכב? תפילה! מיט תפילה איז מען מעורר דעם מלאך.

מען דארף אסאך בעטן אויף אמונה. דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "ביי דער וועלט איז אמונה א דבר פשוט, ביי מיר איז אמונה א דבר גדול!"[טז].

---

[טו] שם, אות ד', וז"ל: "**וצריך כל אדם לקשר את תפילתו לצדיק הדור. והצדיק יודע לכוון השערים ולהעלות כל תפילה ותפילה לשער השייך**".

[טז] עי' שיחות הר"ן, אות ל"ג: "שוב פעם אחת היה מדבר מאמונה, ענה ואמר: **אצל העולם אמונה הוא דבר קטן ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאד**. ועיקר האמונה היא בלי שום חכמות וחקירות כלל. רק בפשיטות גמור כמו שהנשים וההמון עם הכשרים מאמינים".

# אז אן אמורא זאגט אווארט - זאגט גאט אזוי!

ס'דא א פלא'דיגע זאך: אלע ווייסן פון דער גמרא[יז], אז ר' יוחנן האט גע'דרש'נט "ושמתי כדכד שמשותיך"[יח] - אז עס וועט זיין אן אבן טוב ל' אמות אויף ל' אמות - דאס איז גרויס אזוי ווי א גרויסע הויז - און דער אויבערשטער וועט אוועקשטעלן ביי די טויערן פון ירושלים די צוויי דימאנטן און דאס וועט לייכטן אויף גאנץ ירושלים, אויף גאנץ ארץ ישראל. א דימאנט פון [דרייסיג] אויף דרייסיג. וואו זעהט מען אזא מין דימאנט גרויס אזוי ווי א הויז?!

האט א תלמיד אחד געטראכט ביי זיך: 'נע, דער רבי האט דען אויסגעמאסטן פונקט דרייסיג איילן אויף דרייסיג איילן?!'. (לאחר זמן) איז ער געפארן אויפן ים, האט ער געזעהן ווי מלאכים האקן אוים א דימאנט פונקט אזוי ווי ר' יוחנן האט געזאגט. איז ער געקומען צו גיין צו ר' יוחנן'ען, און ער זאגט אים: 'רבי, אזוי ווי דו האסט געזאגט - אזוי האב איך געזעהן'. האט ר' יוחנן פארשטאנען אז איידער ער האט געזעהן האט ער נישט געגלויבט. האט ער אים געזאגט: 'נו, און פריער האסטו נישט געגלויבט?'. האט ער געגעבן אויף אים א קוק, איז געווארן פון אים א גל של עצמות. ר' יוחנן האט געזאגט א מימרא, א מאמר חז"ל.

די מחקרים האבן געזאגט אמאל צו ר' נתן'ען - "קשה רימה למת כמחט בבשר החי"[יט]. (והקשו לו:) א מת אז ער איז שוין געשטארבן - ווי פילט ער? האט רבי נתן זיי געגעבן צו פארשטיין דארטן, און זיי האבן פארשטאנען. אז זיי זענען אוועקגעגאנגען פון ר' נתן'ען, איז געווען דארטן איינער (מתלמידיו שהתבטא:) 'אה, רבי נתן, איר האט אים זייער גוט מסביר געווען'. האט ר' נתן פארשטאנען, אז אים איז אויך ניחא געווארן. (ענה ואמר:) **"אוי לאותה בושה - אז דו זאלסט דארפן אנקומען צו דעם פירוש; אז אן אמורא זאגט א ווארט - זאגט גאט אזוי!"**.[כ]

---

[יז] בבא בתרא עה.

[יח] ישעי' נד, יב.

[יט] גמ' ברכות יח:

[כ] עי' כוכבי אור, אנשי מוהר"ן אות כ': "פעם אחת דיבר עם איזה אנשים שהיו נוטים לדרכי החקירה, והתווכחו עמו אודות מאמר חכמינו ז"ל (ברכות יח:) "קשה רימה למת כמחט בבשר החי" כידוע שאלתם בזה. והשיב להם מה שמובא בספרי אמת שלאחר מות האדם אף על פי שהנשמה יוצאת ממנו ואינו יכול לזוז בשום אבר, אף על

- **'דו זאלסט דארפן אנקומען צו דעם פירוש? אז עס שטייט א מאמר חז"ל: "קשה רימה למת כמחט בבשר החי" - זאלסטו דארפן אנקומען צו דעם פירוש?!'.** אז איצטער איז אים געווארן ריכטיגער, הייסט דאס, אז פריער איז אים אויך געווען אביסל מסופק - און נאך דעם איז אים געווארן ריכטיג: **'אוי לאותה בושה - אז דו זאלסט דארפן אנקומען צו דעם פירוש'.**

**אמונה!** - ביי דער וועלט איז אמונה א דבר קטן - יעדער גלויבט; ביי מיר איז אמונה - גלויבן אין א מאמר חז"ל - 'זאגט גאט אזוי!' **אט דאס הייסט אמונה! דאס הייסט אמונה!**

ווען ר' יוחנן האט געזאגט - "כדכד" (וכו'), איז געווען 'שכינה מדברת מתוך גרונו' - די שכינה האט פון אים ארויסגערעדט. רבי יוחנן איז געווען מרא דארעא דישראל, (וא"כ) א מימרא פון ר' יוחנן - האט דאך די שכינה אזוי גערעדט! א שכל מעצמו איז דאס געוועזן? און וויבאלד מען איז מהרהר נאך אזא מין מימרא, איז עס א פגם אין דער אמונה, דארף מען שוין אויף דעם שרייען - **געוואלד! א פגם אין דער אמונה!**

# "רבונו של עולם, תן לי אמונה!"

"וזה פירוש: "דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל". "וקם" מיינט מען 'עמידה'; און 'עמידה' איז 'תפילה'"[כא].

וואו דער רבי רעדט פון תפילה, מיינט דער רבי 'תפילה בלחש'. סתם תפילה, מיינט דער רבי 'תפילה בלחש', די שמונה עשרה. ווייל די גאנצע זאך וואס מען האט גערעדט פון התבודדות - און אלעס, איז כדי מען זאל קענען דאווענען שמונה עשרה. די שווערסטע זאך איז דאווענען שמונה עשרה וואס דאס איז תפילה בלחש[כב]. די אלע

---

פי כן נשאר בו קיסטא דחיותא, ובזה החיות הנשאר בו נרגש גם אחר כך צער הרימה ותולעה, ועוד בדיבורים כאלה הסביר להם עד שהשתיקם. ואחר שיצא מהם הלך עמו אחד מאנשיו והתחיל זה האיש לחזור לפניו כל דברי תשובתו שהשיב להם, ורמז לו שהוא נהנה מאד מה שסילק גם לו מלבבו המבוכה הנ"ל. ענה ואמר לו מוהרנ"ת ז"ל בלשון תמה: **גם אתה רוצה להבין בשכלך! אוי לאותה בושה, הלא כשרבותינו ז"ל אמרו "קשה רמה למת כמחט בבשר החי", אני מאמין באמונה שלמה שהוא אמת ויציב ונכון וקים ואיני רוצה כלל להבין".**

[כא] שם, ו:

[כב] עי' עלים לתרופה, מכתב צ"ט: "והשם יתברך ירחם שנזכה להתפלל בכוונה מנחה ומעריב ושחרית, וחזק וחזק, ושים לבך היטב לדברי התפילה הקדושים. **ואם אמנם תפילה היא עבודה קשה מאד ביותר מהכל, עם כל זה תוכל לחטוף מעט בכל יום עם תשים כל לבך עליה**, כי ה' יעזור לך".

זאכן וואס מען טוט דעם גאנצן טאג - די אלע עבודות, איז אלץ אז מען זאל קענען דאווענען שמונה עשרה.

"'וקם' זה בחינת 'עמידה', און 'עמידה' איז 'תפילה'. כששבט מישראל עומד להתפלל, על ידי זה מעורר כוכב, והכוכב הוא דורך ומכה הדברים שיגדלו". דאס איז אלץ א מאמר חז"ל. ווען א שבט מישראל שטעלט זיך אוועק דאווענען, דערוועקט ער דעם כוכב וואס איז שייך צום דעם שבט, און דער כוכב קלאפט און זאגט צום גרעזעלע - זי זאל וואקסן. "כמו שאמרו חכמינו ז"ל: 'אין לך עשב מלמטה שאין לו כוכב ומלאך מלמעלה שמכה אותו ואומר לו - גְּדַל'"[כג].

מען זאל זיך גוט מתבונן זיין אין דעם מאמר חז"ל, וועט מען זעהן - 'צו האב איך די אמונה בשלימות אין דעם מאמר חז"ל?'... יעדעס גרעזעלע האט זיך א מלאך פון אויבן און אז ווען א איד שטעלט זיך דאווענען דערוועקט ער דעם כוכב און דעם מלאך וואס זאגט צום גרעזעלע - וואקס!

רבי נתן שרייט טאקע אין די תפילות - שרייט ער דארט: "תן לי אמונה, תן לי אמונה". די מתנגדים האבן געזאגט צו אונז דארטן, ר' נתן האט נישט געהאט קיין אמונה? - ער שרייט צום אויבערשטן "תן לי אמונה", אמונה האט ער נישט געהאט?...

## 'מזונותיו' 'זיווגו'

טייטשט דער רבי איין, צוויי מאמרי חז"ל: "קשין מזונותיו כקריעת ים סוף" "וקשה זיווגו"[כד]. תמיד איז מען מדייק, וואס איז דער לשון 'מזונותיו'? - (הוה ליה למימר:) קשין

---

[כג] מדרש רבה בראשית, פ"י, פ"ו.

[כד] וזל"ש בפנים: "וזה שאמרו חז"ל (פסחים קיח.): 'קשין מזונותיו כקריעת ים סוף, וקשה זווגו [כקריעת ים סוף]' וכו' (סוטה ב). כי הים סוף נקרע לשנים עשר קרעים, כנגד שנים עשר שבטים (פרקי דרבי אליעזר, מב; עין תקון כ"א נט.), ובני ישראל בתפילתם גורמים זיווגא דקודשא בריך הוא ושכינתה, כמו שכתוב (תהלים ס"ח): "סולו לרוכב ערבות". 'רוכב', דא קודשא בריך הוא, 'ערבות', דא שכינתיה, שנתערב בה כל הגונין. ולפי הזיווג שגורם בתפלתו, כן זוכה לזיווגו. והתפילה הם שתים עשרה נסחאות, לפיכך הזיווג כקריעת ים סוף שהם שנים עשר. וגם ישראל מפרנסים לאביהם שבשמים בתפלתם, כמו שכתוב (שם ק"ה): "ויעמידה ליעקב לחק", 'וחק לשנא דמזונא הוא' (ביצה ט"ז.), 'ואין עמידה אלא תפילה' (ברכות ו: ). וזה פירוש (תהלים צ"ט): "שמרו עדותיו וחק נתן למו". 'עדות' זה תפילה, כמו שכתוב (שם קכ"ב): "שבטי יה עדות להודות לשם ה'". גם אמרו חז"ל (שבועות ל.): 'אין עדות אלא בעמידה'; ועמידה זה תפילה, שאנו מעידין על אחדותו. וכפי שמפרנס לאביו שבשמים בתפילתו, כן נותנין לו פרנסתו. וזה: 'קשין מזונותיו כקריעת ים סוף', היינו מזונות נתחלק לשנים עשר שבילים, לפי שתים עשרה שבטי יה".

'מזונות', (וכמו"כ קשה) וואס שטייט עפעס 'זיווגו' - (הוה ליה למימר:) קשה 'זיווג'? נאר מזונותיו - אז עס זאל זיין מיינע מזונות; אז עס זאל זיין זיווגו, איז נאר פון תפילה.

אז מען בעט דעם אויבערשטן, גיט מען דעם אויבערשטן מזונות; אזוי ווי מען איז מפרנס אביו שבשמים, מען איז אים מפרנס מיט תפילה, אזוי גיט דער אויבערשטער אים. און אזוי איז אויך מיט זיווגו ווייטער; אזוי ווי ער איז גורם א 'זיווגא דקודשא בריך הוא ושכינתיה' - אזוי איז זיין זיווגו. רעדט דאך אלץ דער רבי - 'מזונותיו' 'זיווגו'.

דער רבי זאגט, אז דער ים סוף איז געווארן נקרע לי"ב קרעים קעגן די י"ב שבטים. און אידן זענען גורם בתפילתם זיווגא דקודשא בריך הוא ושכינתיה. עס איז א לשון פון דעם זוהר[כה], אז אלעס וואס מיר טוהען איז 'לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה'. בפשיטות, שכינה איז מלכות[כו] - די ספירה פון מלכות. און מייחד זיין קודשא בריך הוא ושכינתיה, ווייסן מיר, איז די שלימות פון אלע תיקונים. דער חורבן האט גורם געווען א פירוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, די דם נדה פאר די שכינה[כז].

זאגט דער רבי: אידן זענען גורם מיט זייער תפילה, זיווגא דקודשא בריך הוא ושכינתיה, אזוי ווי עס שטייט: "סולו לרוכב ערבות". 'סולו' איז טייטש: 'לויבן' 'תפילה'. "לרוכב ערבות" - 'רוכב' מיינט 'קודשא בריך הוא', 'ערבות' איז 'שכינתיה' - שנתערב בה כל הגוונין. איז ווערדליג דער זיווג וואס דער מענטש איז גורם בתפילתו, אזוי איז ער זוכה לזיווגו. אז ער דארף האבן ס'זאל זיין זיווגו, איז ווערדליג ער איז זוכה אז זיין דאווענען זאל מאכן דעם זיווג למעלה, דעם יחוד למעלה, אזוי איז ער זוכה לזיווגו.

ווייטער זאגט דער רבי: "וכפי שמפרנס לאביו שבשמים בתפילתו, כן נותנין לו פרנסתו"; טייטש דער רבי איין דעם 'מזונותיו'.

(ר' משה בינענשטאק: וואס מיינט דער רבי: "עיקר החיות"?) "עיקר החיות" איז מען מקבל פון תפילה - האבן מיר שוין ווייטער א פירוש; 'מזונותיו' איז נאר פון תפילה, 'זיווגו' איז נאר פון תפילה, און די אלע 'עשבים' וואקסן נאר פון תפילה - אלע עשבים און אלע בוימער, אלע פירות איז נאר פון תפילה; (קומט אוים אז) דער 'עיקר חיות' איז נאר פון תפילה!

---

[כה] מובא כמה פעמים.

[כו] מובא כמה פעמים בזוהר.

[כז] תיקוני זוהר קמג:

(ר' משה: דער רבי מיינט נישט אז דער מענטש אליין קריגט חיות אין אידישקייט?) **יא, דאס איז א באזונדערע זאך** - אז ער קריגט חיות. דעם רבי'נס א דיבור איז כלול - דער רבי ווייזט אונז אויף, אז 'מזונותיו' און 'זיווגו' - און אלע עשבים, און ווי דער רבי וועט ווייטער דא רעדן אז די חיות פון אלע עולמות - 'שפל' 'כוכב' 'מלאך' - אלץ איז פון תפילה[כח]; ער גיט חיות פאר אלע דריי עולמות.

אין דעם רבי'נס א דיבור איז כלול אלע זאכענישן: אליין גיב איך זיך חיות פון תפילה; זיין מזונות איז פון תפילה; זיין זיווג איז פון תפילה; די עשבים וואס וואקסן איז אלץ פון תפילה; די רעגן איז אלץ פון תפילה; און דער עיקר חיות איז נאר פון תפילה.

איי עס איז דא אזעלכע וואס בעטן נישט דעם אויבערשטן און זיי האבן אויך אלעס? נאר עס איז נישט קיין 'מזונותיו', עס איז נישט 'זיווגו', עס איז 'מזונות'. עס איז דא א עסן וואס "ואכלתם אכול ושבוע והללתם"[כט]; און עס איז דא א עסן וואס "ואכל ושבע ודשן ופנה אל"[ל] וכו'.

## ווי קען איך אפלאזן דעם אויבערשטן?

עס שטייט אין זוהר הקדוש[לא]: אז דוד המלך - דער מלך פון ירושלים, אז עס איז געקומען חצות האט ער אזוי הויך געלערנט ביינאכט, אז גאנץ ירושלים האט געהערט זיין לערנען, קולי קולות. ממילא האט ער אלעמען אויפגעוועקט.

דוד המלך איז געווען דער קעניג, די גאנצע וועלט האט פאר אים געציטערט, א געוואלד געווען זיין חכמה און זיין גרויסקייט; און אז דער מלך לערנט בקול האט ער אלעמען אויפגעוועקט - און דער דוד המלך האט געבעטן דעם אויבערשטן אויף יעדע

---

[כח] שם בהמשך: "גם היה כח בידו (יעקב אבינו) ליתן חלק מחלקי עולם ליוסף, כמו שכתוב (בראשית מ"ח): "ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך" וכו', כי על ידי תפלתו היה משפיע חיות לכל שלשה חלקי עולם, שהם עולם השפל ועולם הכוכבים ועולם המלאכים. וזה: **שכ"ם ש'פל, כ'וכב, מ'לאך**, כי כל זה זכה על ידי תפילתו, כמו שכתוב (שם): "אשר לקחתי מיד וכו' בתפלתי ובקשתי" ".

[כט] יואל ב, כו.

[ל] דברים לא, כ.

[לא] עי' ירושלמי ברכות פרק א', ה"א: "ומה היה דוד עושה? ר' פינחס בשם ר' אלעזר בר' מנחם: היה נוטל נבל וכינור ונותנו מראשותיו ועומד בחצי הלילה ומנגן בהם כדי שישמעו חבירי תורה. ומה היו חבירי תורה אומרים? **ומה אם דוד המלך עוסק בתורה אנו על אחת כמה וכמה"**.

זאך און געמאכט א תהלים אויף יעדע קלייניקייט און געשריגן אויף דער צרה, געלויבט אויף יעדער זאך. עס שטייט "הוא יקראני אבי אתה" - ער האט מיר גערופן 'טאטע'!.

עס איז נישטא קיין גרעסערער שבח פאר'ן אויבערשטן ווי וואס דער מענטש בעט יעדער קלייניקייט פון דעם אויבערשטן און אז ער דערקענט דעם אויבערשטן אין יעדער זאך און ער ווייסט אז דער אויבערשטער איז דער חיות פון אלעם![לב]

"הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל". די "עיני ה'" וואס איז דא, די השגחה פון דעם אויבערשטן ווערט נישט אפגעטאן קיין איין רגע. ווען השגחתו יתברך זאל זיך חלילה אויסלאזן איין רגע, וואלט דער וועלט געווארן אויס. די "עיני ה'" - די השגחה פון דעם אויבערשטן לאזט זיך נישט אויס קיין איין רגע.

ביי די צדיקים איז אויך דאס אייגענע; זיי האבן געוואוסט אז מען בעט נישט דעם אויבערשטן איז קיין חיות נישטא. זיי האבן געוואוסט אז: 'ווי קען איך אפלאזן דעם אויבערשטן אויף איין רגע?'. פאר דעם האט דער רבי געהייסן רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דאס איז א געוואלדיגע התקרבות צום אויבערשטן, דאס גיט אריין אמונה פשוטה!

# "כל ימי הייתי מצטער"...

דער רבי גיט די עצה פון התבודדות, די עצה פון חצות (וכדומה). מען גיט אונז די גרויסע רפואות ווייל מיר דארפן האבן גרויסע רפואות. און אז מען מיינט שוין טאקע אז מען איז שוין א גדול - 'וואס איז יענער גרעסער פון מיר?' - אט דאס איז דאך געווען דער טעות פון קורח: "ומדוע תתנשאו על קהל ה'?"[לג] - אלע שטייען אויף חצות![לד]

---

[לב] עי' ליקוטי הלכות הל' תפלת המנחה ה"ו, אות א': "**כי עיקר כבוד ה' יתברך ביותר הוא על ידי תפילה דייקא, על ידי שמתפללין ומבקשין מה' יתברך כל צרכיו כל מה שחסר לו בגשמיות וברוחניות. כמו שכתוב "וקראני ביום צרה אחלצך ותכבדני", כי זה עיקר כבודו. ועל כן תפלת שמונה עשרה גבוה מאד ויקר מכל סדר התפילה כמובן בכונות**, כי אף על פי שעל ידי כל פסוקי דזמרה וברכת המאורות מגדלין כבודו יתברך ומודיעין שהוא יתברך יחיד בעולמו וברא הכל לכבודו, אף על פי כן עיקר שלימות הגדלת כבודו ביותר הוא על ידי התפלה. שבזה שמתפללין על צרכיו, בזה מודים שה' יתברך מנהיג עולמו ומשגיח בפרטיות על כל דבר שבעולם ובידו לשנות הטבע. ונתן לנו כח ורשות לרצותו ולפייסו בתפילה ותחנונים, עד שישוב ממידת הדין למידת הרחמים לבטל כל הגזירות שאינם טובים ולמלאות כל מחסורנו".

[לג] במדבר טז, ג.

[לד] עי' ליקוטי הלכות שילוח הקן ה"ד, אות ט'.

נאר וואס דען, דיר גיט מען די רפואות, ווייל דו ביסט א גרויסער חולה. איך וויל דיר היילן, קלענערע רפואות העלפט דיר נישט; אבער וויסן דארף מען וויסן, כאטש איך האב אזעלכע גרויסע רפואות - מען דארף זיך קענען, נישט לאזן זיך נארן, מען גיט מיר א גרויסע רפואה, אבער איך דארף וויסן ווער איך בין; פארוואס גיט מען מיר אזעלכע גרויסע רפואות? ווייל איך בין א גרויסער חולה, און א שטארקער חולה גיט מען שארפע רפואות. מען מוז אונז געבן די רפואות, אבער לאז זיך נישט נארן, מיין נישט אז דו ביזט פארטיג...[לה]

דער רבי זאגט ווייטער: 'מען דארף האבן א זכות גדול אז דער מענטש זאל זוכה זיין אז זיין תפילה זאל ארויפגיין דורך דעם שער השייך לשבטו. למעלה איז דא י"ב שערים קעגן די י"ב שבטים. ער איז דאך אין איין שבט, דארף מען האבן א זכות גדול אז דער מענטש זאל זוכה זיין אז זיין תפילה זאל ארויפגיין דורך דעם שער השייך לשבטו.

דער רבי זאגט: אז אבא בנימין האט זיך מצטער געווען - כל ימי הייתי מצטער על שני דברים. איז די קשיא: [שטיי אויף און דאווען, און לייג דער בעט 'בין צפון לדרום'?] דער רבי זאגט, אז "מיטתי" מיינט מען דעם 'שבט'; ער האט זיך מצטער געווען אז די תפילה זאל ארויפגיין דורך דעם שער השייך לשבטו.

און דער רבי זאגט דאך פריער אז פון תפילה ווערט זיווג. און מיטה מיינט מען זיווג. און מיטה מיינט מען מזונותיו, "בשברי לכם מטה לחם[לו]". (קומט אוים) ליגט שוין אין דעם ווארט "מיטתי" אלע דריי זאכן: קשין מזונותיו, און קשה זיווגו, און אז ס'דארף גיין דורך זיין שבט - דאס ליגט אלץ אין דעם 'סמוך למיטתי': די תפילה זאל זיין נאנט

---

[לה] עי' חיי מוהר"ן, אות ש"צ: "שמעתי בשמו זכרונו לברכה שסיפר משל נאה לענין מה שמרבה לגלות כל כך תורות נפלאות ומעשיות ושיחות נפלאות ונוראות, אף על פי שאינו נראה עדיין שיעשו פעולתם בשלימות באנשי שלומנו כמו שהיה ראוי להם. וסיפר לענין זה ממלך אחד שחלה בנו יחידו ביותר עד שכל הרופאים משכו ידיהם ממנו ונתיאשו מרפואתו. בתוך כך בא רופא מפלג בחכמה מאד וביקש המלך ממנו בתחנונים גדולים להשתדל עם בנו. והשיב לו האמת שרפואתו קשה ורחוקה מאד אף על פי כן אם יעשו עוד תחבולה אחת אזי אפשר דאפשר שיהיה לו רפואה. אך איני יודע אם לומר לך זאת התחבולה מחמת שהיא דבר קשה וכבד מאד. והפציר בו המלך מאד לגלות לו התחבולה. ואמר לו תדע שבנך הוא חולה מסוכן מאד בתכלית עד שכבר אי אפשר ליתן לו לתוך פיו אפילו טיפה אחת מסממני הרפואות. אך איך שיש סממני רפואות יקרות כאלה, אשר צלוחית אחת קטנה מאד עולה לסך אלפי אלפים, וצריכין למלאת חביות מלא מסממנים היקרים האלה, וליקח בדליים מלאים מסממנים האלה ולשפוך על בנך החולה. וממילא מובן שכל הסממנים היקרים האלה ילכו לאיבוד לגמרי, אך אף על פי כן יתחזק גופו מעט על ידי זה. ואולי מתוך שישפכו עליו הרבה כל כך יכנס לתוך פיו גם כן איזה טיפה על כל פנים, על ידי זה אפשר שיהיה לו רפואה".

[לו] ויקרא כו, כו.

צו מיין שבט, עס זאל זיין מזונותיו, און עס זאל זיין זיווגו. דער ווארט "מטה" איז טייטש 'שבט', און מטה איז טייטש 'מזונות', און מטה איז טייטש 'זיווגו'.

יעקב איז כלול פון אלע י"ב שבטים, און ער האט געוואוסט יעדן שבט בשרשו. עס שטייט ביי יעקב'ן: "ויאסף יעקב רגליו אל המטה" - יעקב האט איינגעזאמלט די אלע תפילות פון אלע שבטים (כל אחת לשרשה).

(טייפ מס' 66#)

# כוחה של נשמה מישראל

(הרה"ח רבי יעקב מאיר שעכטער בשיעור בביהמ"ד, בליקוטי מוהר"ן תורה י"ז, אות ו') "כי כל הטוב הוא רק בחינת נשמות ישראל, היינו כשמתגברים העכו"ם ואינם מניחים לישראל לעשות מצוות, כמו שהיה נמצא שגזרו שלא ימולו את בניהם ושיחללו את השבת[לז]. נמצא, שהטוב שהיו ישראל צריכין לעשות הוא כבוש תחת ידם. וכן כשמונעין את ישראל מעבודת השם יתברך על ידי גרמא שגורמין, על ידי המסים וארנוניות שמטילין עליהם, וכן על ידי שמונעין טובות מישראל, שעל ידי כל זה נכבש הטוב תחת ידם, דהיינו חלקי נשמות ישראל".

"ובתחילה זה הטוב הכבוש אצלם זוכר שבא ממקום קדוש ועליון מאד, אך אחר כך הם מתגברין על זה הטוב וכובשים אותו תחת ידם, עד שנתפס ונקשר אצלם, עד שהטוב בעצמו שוכח מעלתו. ועל ידי הדיבור הישראלי, שיוצא ונכתב בספריהם כנ"ל, אזי זה הטוב הכבוש שם, מוצא אותו בספריהם, דהיינו שמוצא שם היפך אמונתם, ואזי נזכר זה הטוב את מעלתו, איך שבא ממקום עליון מאד, דהיינו שהוא חלקי נשמות ישראל, שכל העולמות נבראו

[לז] עי' ראש השנה יט. בבא בתרא ס. מעילה יז

**בשבילם, ו'המה היוצרים יושבי נטעים עם המלך במלאכתו'[לח], 'כי הקדוש ברוך הוא נמלך עם נשמות ישראל לברוא את העולם'[לט], ואזי מתחיל זה הטוב להצטער ולהתגעגע על אשר נפל ממקום גבוה כזה ועתה היא כבושה בידם, ויבוא, חס ושלום, לכליון והפסד, ורוצה להמשיך ולחזור למקומו. ומחמת שכבר נקשר ונתפס מאד הטוב אצלם בקשרי קשרים, על כן כשמתחיל הטוב לחזור, אזי מושך ותולש עמו עוד מהרע שלהם".**

- אמאל פארקערט, בשעת דער 'טוב' זעהט אז ער איז שוין אינגאנצן פארלוירן, הויבט ער זיך דווקא אן דעמאלט צו שטארקן, דווקא ווען ער ווערט אומגליקליך.

- און דאס איז ביי א אידן אויך. דער יעב"ץ ברענגט אראפ[מ], אז דער מציאות פון די סדר הדורות האט געוויזן, אז בשעת שמד האבן אידן געוויזן אזעלכע מיני כוחות - פראסטע אידן, מרוחקים מאד, וואס צדיקים זענען נתפעל געווארן פון זייער כח! ווייל בשעת מען האט זיי געוואלט אינגאנצן אפרייסן האט זיך דערוועקט אזא כח - - !

- זיי זאגן אז אפילו אין רפואה - א מענטש וואס זיין לעבער ארבעט נישט (ל"ע) צו וואס, פלעגט מען ארייַנשיקן אזא סם וואס איז א סם צו דעם לעבער, און אזוי האט זיך דערוועקט א כח (מבפנים לחזק הגוף). דווקא וואס מען איז געגאנגען אנטקעגן, דערוועקט זיך דער כח הנגדי!

אזוי איז אויך געווען - אידן האבן געוויזן אזעלכע מיני גבורות - - עס האט מיר אמאל דערציילט א איד עפעס א מורא'דיגע מעשה וואס ער האט עס געהערט פונעם חפץ חיים - פון א איד וואס איז געווען אזוי רחוק, אבער ווען ס'איז געקומען צו שמד האט ער געוויזן אזעלכע כוחות - אז דער חפץ חיים האט געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט געוואוסט די גרויסקייט פון אידן!

[לח] דברי הימים א, ד.

[לט] בראשית פ"ח; מדרש רות פ"ב.

[מ] עי' באור החיים לחסיד יעב"ץ, פרק שני.

און דווקא דעמאלט דערוועקט זיך עס[מא]; און בשעת עס דערוועקט זיך, קען עס קיינער (נישט אפשטעלן!). ר׳ נתן ברענגט אראפ אין ליקוטי הלכות[מב] אז די קלענסטע נשמה, בשעת ער דערכאפט זיך, קען ער שטיין קעגן דער גאנצער וועלט מיט אלע תאוות!

## זיך אריינגעווארפן אין ים אריין...

(ר׳ לוי יצחק פונה לרבי יעקב מאיר:) דו געדענקסט ר׳ נתן בייטלמאכער[מג]? (רבי יעקב מאיר: יא, אוודאי!)

ער האט מיר דערציילט, אז זיין טאטע (ר׳ פנחס יהושע, מתלמידי מוהרנ״ת) האט אים דאס דערציילט. זיין טאטע איז נאך געווען אין די צייטן פון דעם ערשטן ניקאליי, דער ניקאליי

[מא] עי׳ בליקוטי הלכות ברכת הריח ה״ד, אות ב׳ וזל״ש: **"ועל כן לפעמים הסטרא אחרא בולעת את האדם כל כך עד שהוא מגיע לעצם פנימיות קדושת יהדותו והיא מתחזקת ומתגברת לבלוע נקודה זאת גם כן ומביאה אותו לידי עבירה גדולה חס ושלום, כדי לבלוע אותו לגמרי חס ושלום, אבל תיכף כשהיא רוצה לבלוע את עצם פנימיות קדושתו אזי זאת הנקודה עומדת להסטרא אחרא בבית הבליעה שלה, כי זאת הנקודה של פנימיות קדושתו היא בעל כח גדול מאד וכנ״ל ואי אפשר להסטרא אחרא לבלוע אותה בשום אופן. ולא די שאינה יכולה לבלוע אותה אף גם זאת הנקודה טובה עומדת להסטרא אחרא בבית הבליעה שלה עד שהיא מוכרחת ליתן הקאות להקיא ולהוציא כל הקדושות שבלעה מזאת הנשמה. ומזה בא בחינת מה שלפעמים האדם נתעורר בתשובה אחר כמה עבירות**, היינו כנ״ל. וכן שמעתי מרביז״ל שלפעמים עבירה מביאה את האדם לידי תשובה, היינו על ידי שנלכד באיזה עבירה גדולה רחמנא לצלן, על ידי זה נתמרמר לבו ונתעורר בתשובה עד שנעשה בעל תשובה גמור".

[מב] שם, אות א׳: **"וזהו בחינת מה שאנו רואים כמה אנשים שהם רשעים גדולים כמה שנים ועוברים עבירות גדולות וחמורות רחמנא לצלן, ואחר כך נתעוררים בתשובה ונעשים בעלי תשובה גמורים, כמובא כמה מעשיות כאלה בגמרא ומדרשים ושארי ספרים. וכמעשה דרבי אליעזר בן דורדיא ונתן צוציתא וכיוצא באלה מעשיות הרבה מאד בכל דור ודור.** ולכאורה תמוה הדבר מאד הלא עבירה גוררת עבירה וכל מה שעובר עבירה יותר הוא נופל בידי הסטרא אחרא יותר ומאין בא שלבסוף יתגבר נגד הסטרא אחרא ויחזר בתשובה? אך הוא על פי הנ״ל כי באמת בכל אחד מישראל יש נשמה יקרה שיש לה כח גדול לעמד כנגד היצר הרע וחילותיו כי אם לא היה כח באדם לעמוד כנגד היצר הרע לא היה הקדוש ברוך הוא נותן לו יצר הרע כזה, כי אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו ...**על כן צריכין לדעת ולהאמין שבודאי כל אחד ואחד מישראל אפלו הפחות שבפחותים הוא בעל כח גדול לעמד כנגד היצר הרע שלו.** ...הכלל שהאדם צריך להאמין מאד בכחו וידע באמונה שלמה שבודאי יש בכח שכלו ומחו לעמד כנגד תאות נאוף שהוא עיקרא דיצרא בישא, כי המח והשכל הוא הנשמה, כמו שכתוב, ונשמת שדי תבינם. כמו שכתב רביז״ל במקום אחר **והנשמה של איש הישראלי אפלו של הפחות שבפחותים בוודאי היא יכולה לעמוד כנגד כל העולם עם התאוות"**. גם עי׳ בשיחות הר״ן נ״א, וז״ל שם: **"ואפילו מי שכבר נמשך אחר תאוות עולם הזה ועבר מה שעבר, ונפגם שכלו ונתבלבל ונתמעט, אף על פי כן במעט מעט שכל הנשאר יכול גם כן לעמוד. ואפילו נקודה אחת מן השכל יכולה לעמוד כנגד כל העולם עם התאוות"**.

[מג] ר׳ נתן ב״ר פנחס יהושע בייטלמאכער ברסלב׳ר (נוסח מציבתו). נולד בשנת תרל״ד, חתנו של ר׳ נחמן מטולטשין בזיווג ראשון. היה הסופר והכותב של הרב מטשעהרין. עלה בא״י בשנת תרס״ט, ודר בבתי מחסה בירושלים העתיקה. נלב״ע כ״ד שבט תשי״א, ונטמן בחלק ח׳ בביה״ח סנהדריה בירושלים.

הידוע, דער צורר היהודים. זיי האבן געפונען דארטן אין די אוצרות פון ניקאליי'ען, פון די נאָטן פון די לווים וואס זיי האבן געשפילט אין בית המקדש. איז געווען דארט א שפילער, האט ער געזאגט: 'די שפיל קען נישט אויסשפילן נאר א אידישער קלעזמער - ער האט א געפיל, איך קען עס נישט אויסשפילן'.

איז געווען א איד, דער גרעסטער קלעזמער פון דער וועלט דארטן, א פרייער מענטש געווען, האט מען אים געבעטן אז ער זאל אויסשפילן דעם ניגון. האט ער עס אזוי אויסגעשפילט אז מענטשן זענען געפאלן אויף די פנימ'ער און גע'חלש'ט פאר זיסקייט...

און דער ניקאליי האט געהאט א טאכטער, האט זי געזאגט אז זי מוז חתונה האבן מיט דעם קלעזמער, אזוי איבערראשט איז זי געווארן פון אים. און ניקאליי האט דאך פיינט געהאט אידן א געוואלד, (וענה לה:) 'א איד זאל ווערן מיינער אן איידעם?! וואס רעדסטו, וואס הייסט?! דער דארף דאך אפנעמען די מלוכה מיינע - וואס רעדסטו?!'. (ענתה לו:) אז נישט, גייט זי פון דער וועלט!.

און די גלחים האבן גערעדט מיט זיי (שרי המלוכה): אדער נעמט זי אים, אז נישט וועט זי עס נישט אויסהאלטן. הכלל, מיט דעם אידן דארף מען דאך גארנישט רעדן, דער איד וועט זיך גלייך שמד'ן (כך חשבו) - מען דארף מיט אים רעדן? ער וועט זיין א קיסר אין דער וועלט! האט מען גערעדט מיט דעם קלעזמער, (וענה:) 'יא, גוט'.

- איז דא דארט א גרויסער בריק אינמיטן דער שטאט, דער ים גייט דארטן אינמיטן שטאט, און מען האט אים שוין געפירט צו שמד'ן, מען האט אים געפירט אויפן בריק, מיט גלחים, מיט מוזיק, און ער האט גוט מכוון געווען - ער האט געגעבן א שפרינג אריין אין ים און האט זיך דערטרנקען, דערטרונקען, שוין!

דער בזיון וואס ניקאליי האט געהאט - - מען האט פארשטאנען אז ער האט עס געטוהן ווייל ער האט זיך נישט געוואלט שמד'ן! דער קידוש השם וואס ס'איז געווען למעלה - - צדיקים האבן אזא קידוש השם נישט געמאכט! ער איז דאך געווען א פרייער מענטש, און וואס האט מען אים געוואלט טאן? ער זאל ווערן א קיסר אין רוסלאנד! האט ער זיך גענומען און אריינגעווארפן אין ים אריין! - אלעס יא, נאר שמד'ן נישט!

ניקאליי האט זיך באגראבן פאר חרפות; א איד זאל זיך דערטרינקען, ער וויל נישט ווערן קיין קיסר אין רוסלאנד...

האט ער (ר' נתן בייטעלמאכער) דערציילט, אז זיין טאטע האט דערציילט, אז למעלה איז געווארן אזא קידוש השם דערפון - אז פון צדיקים איז נישט געווען אזא קידוש השם

**וואס ס'איז געווארן פון דעם קלעזמער - עס איז געווען א געוואלד! די גאנצע וועלט האט גע'רעש'ט, די וועלט האט געקאָכט פון דעם!** (רבי יעקב מאיר: דאס איז א כח, דאס קען נאר א איד, דער טוב, נאר א אידישע נשמה קען!).

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **משולם זלמן גרינבערג** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת תאומים
למזל טוב

מוה"ר **נחמן אשר האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א. תנצב"ה